שנה א׳ גליון כ״ב
פרשת ויקהל
תשפ״ד

גליון

# יומא בהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים וועמענ׳ס ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג.

## לוח ההילולא

<u>כ"ט אדר א'</u>

הגאון רבי חיים שמואל הלוי בירנבוים זצ"ל

<u>ל' אדר א'</u>

הגאון רבי יעקב לופיס די פונסיקא זצ"ל אבדק"ק קוראקסאו

<u>א' אדר ב'</u>

הגאון רבי שבתי כ"ץ זצ"ל בעל הש"ך

<u>ב' אדר ב'</u>

הגאון רבי יוסף מרדכי כהנא זצ"ל דומ"ץ סיגוט

הרה"ק בעל ויגד יעקב מפאפא זצ"ל

<u>ג' אדר ב'</u>

הגאון רבי נח חיים צבי בערלין זצ"ל אב"ד אה"ו

הגאון רבי צבי הירש כהן ראפאפארט זצ"ל מדובנא

<u>ד' אדר ב'</u>

רב אחאי בר רב הונא

הגה"ק רבי חיים יוסף גא-טליעב זצ"ל אבדק"ק סטראפקוב

<u>ה' אדר ב'</u>

הגאון רבי שמואל זיינוויל אויערבאך אשכנזי זצ"ל מלבוב

הרה"ק רביי משה מקאשונב זצ"ל

## כ"ט אדר א'

### הגאון רבי חיים שמואל הלוי בירנבוים זצ"ל

געבוירן בשנת תקע"א אין שטאט פילץ, פוילן, צו זיין פאטער הנגיד הגאון רבי דוד זצ"ל וואס איז געווען א תלמיד פון הרה"ק המגיד מקאזניץ זצ"ל און חבר פון הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זצ"ל. יונגערהייט האט שוין רבי חיים שמואל שוקד געווען על דלתי התורה לערנעדיג תורה מיט א געוואלדיגע חריפות מתוך הרחבה, ווי ער דריקט זיך אויס אין א תשובה, "אמינא לך דאנכי בילדותי בקי הייתי מאד בדברי הסמ"ע והש"ך בחושן משפט, ודברי קדשם היו שגורים על פי" (ראה שו"ת רחש לבב סי' ל"ט).

רבי חיים שמואל האט חתונה געהאט מיט מרת רבקה ע"ה טאכטער פונעם גאון הדור הגה"ק רבי עקיבא אייגער זצ"ל אב"ד פוזנא, נאך די חתונה איז ער פארבליבן וואוינען אויף קעסט עטליכע יאר ביי זיין גרויסן שווער אין פוזנא, פון וועם ער האט אסאך מקבל געווען און געלערנט תורה מפיו, און האט געלערנט אסאך פון זיינע מנהגים און זיין הליכות בקודש.

[אין איגרות סופרים (מכתב מ"ז) איז געדריקט א בריוו וואס רבי חיים שמואל שרייבט צו זיין נעפיו הרה"ק רבי לייבע'לע אייגער מלובלין זצ"ל, וואס האט אים אנגעפרעגט וועגן הנהגות פון זיין זיידן – שווער הגרעק"א, און רבי חיים שמואל וואונדערט זיך הלמאי ער וויל וויסן די מנהגים פון הגרעק"א, אמער ער איז דאך א חסיד פון די רבי'ס פון קאצק, איזשביצע און גור און ער קען פון זיי לערנען אלע ספיקות, וז"ל "ארי מתחפש באדרת שואל ומבקש עדותי רק עבור מפעלות איש אלקים כבוד מורי וחמי רבינו הגאון נ"ע במצות ה' אשר עשה אדם הגדול בענקים ההוא וחי בהם, הלא עמכם הכרתי והפלתי אשר היו מעולם פאר מקדושים השלשת הרועים נ"ע, הרה"ק מקאצק-דפולל הוא המשביר, והרה"ק מאיזביצע נ"ע, והשלישי הכי נכבד הגאון האדיר נזר הקודש הרי"ם אלטער נ"ע אשר פאר מעלתו יצק מים על ידו בימי עלומים שנים רבות וכל רז לא אנס לי', ולמה אלי שם הדרת קדשו מגמת פניו להעיד את אשר ראתה עיני עודני עול ימים שמואל הקטן יעיד מה שראה בקטנותו ובאין גדול עומד על גבי"].

נאך וואס די יארן פון קעסט האט זיך געענדיגט האט זיך רבי חיים שמואל צוריק געקערט צו זיין טאטע'ן אין פילץ. ווי ער איז מפורסם געווארן אלס געוואלדיגער עובד ה' וואס האט געדינט השי"ת מיט אסאך סיגופים, חסידות און פרישות, און איז געווען פון די גאוני הדור.

סוף ימיו נאך די פטירה פון זיין רעביצין האט ער חתונה געהאט מיט מרת שרה ע"ה טאכטער פון הנגיד רבי יצחק מארשאלקאוויטש ז"ל פון די שטאט דובנא אין וואהלין – אוקריינע, ווי ער האט זיך דארט באזעצט און פארמאגט אן אייגן ביהמ"ד ווי ער האט מרביץ תורה געווען. רבי חיים שמואל זייענדיג א מוהל מומחה האט זוכה געווען אריינצוברענגן טויזנטער אידישע קינדער בבריתו של אברהם אבינו.

רבי חיים שמואל איז נסתלק געווארן ביום כ"ט אדר שנת תרמ"ז, ומנו"כ אין דובנא. מח"ס שו"ת רחש לבב, וספר מעשה חשב הגהות על ספר שער המלך (ראה יומא דנשמתא גליון תש"ח).

## ל' אדר א'

### הגאון רבי יעקב לופיס די פונסיקא זצ"ל אבדק"ק קוראקסאו

געבוירן בשנת תצ"ז אין שטאט קוראסקאו, ווענעזיעלע [-דרום

אמעריקא], צו זיין פאטער רבי אהרן ז"ל בן הגאון רבי אלי' לאפס זצ"ל אב"ד קוראקסאו ער האט געלערנט ביי הגאון רבי שמואל מינדיס סולא זצ"ל אב"ד קוראקסאו, און דערנאך האט ער געלערנט און די בארימטע ישיבה "עץ חיים" אין אמסטערדאם - האלאנד ביי הגאון רבי שלמה שלום זצ"ל אב"ד ק"ק ספרדים אמסטערדאם, ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון זיין רבי'ן הגאון רבי שמואל מינדיס סולא זצ"ל, און נאך זיין הסתלקות בשנת תקכ"א איז ער אויפגענומען געווארן אלס ממלא מקום דומ"ץ ואב"ד ק"ק קוראקסאו ווי ער האט דארט געדינט אלס רב מער ווי א יובל יארן ביז זיין הסתלקות ביום ל' אדר א' שנת תקע"ה. ומנו"כ אין קוראקסאו. (ראה בספר ארצות החיים)

## א' אדר ב'

### הגאון רבי שבתי כ"ץ זצ"ל בעל הש"ך

געבוירן שנת שפ"א אין שטאט אמסטיבוי, ליטע, צו זיין פאטער הגאון רבי מאיר אשכנזי זצ"ל אב"ד אמסטיבוי. אין די יונגע יארן ביים מלמד אין חדר האט מען שוין באמערקט אויף אים אז ער פארמאגט א שטארקע קאפ און טיפע זכרון, און האט מיט די צייט פארלאזט די חדר און געבליבן לערנען אינאיינעם מיט זיין טאטע'ן רבי מאיר, מיט די צייט האט ער קונה געווען א ידיעה אין ש"ס ופוסקים. ביי די צוועלף יאר האט אים זיין טאטע געשיקט צום ישיבה פון זיין ידיד הגאון רבי יהושע זצ"ל אב"ד טיקטין ובעל מגיני שלמה. דארט אין ישיבה האט ער אנגעקניפט א קשר מיט אנדערע גאונים וואס האבן זיך דארט געדרייט, א שטייגער ווי דער בעל עבודת הגרשוני און בעל עטרת זקנים, און פארט וואס ער איז געווען פיל יונגער ווי זיי האבן זיי אינאיינעם געלערנט בחברותא. שפעטער ווען דער מגיני שלמה איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין קראקא האט ער מיט זיך מיטגענומען זיין יונגע תלמיד קיין קראקא, אין קראקא האט ער אויך געלערנט ביי רבי ר' העשיל פון קראקא זצ"ל, ווי דער יונגער גאון האט קונה געווען א געוואלד אינעם ים התלמוד אין איז שוין געווען א בקי בכל התורה כולה. אזוי אויך האט ער מקבל געווען פון הגאון רבי נפתלי כ"ץ זצ"ל אב"ד לובלין (ראה אודותיו ביומא בהילולא גליון א').

שפעטער איז דער ש"ך געפארן קיין ווילנא -וואו זיין פאטער האט דאן געוואוינט,- דארט האט ער געלערנט ביי הגאון רבי משה לימא זצ"ל בעל חלקת מחוקק. דער ש"ך האט דארט אין ווילנא חתונה געהאט מיט הרבנית יענטא לאה ע"ה טאכטער פון רבי בנימין וואלף ז"ל, מפרנוסי דק"ק ווילנא נאך די חתונה איז ער געזעצן אויף קעסט פאר עטליכע יאר אין שטאט ווילנא. מיט די צייט וואוינענדיג אין ווילנא איז דער ש"ך אויפגענומען געווארן אלס חבר הבד"ץ פון דער ווילנא'ער בית דין. אין די ביטערע יארן שנת ת"ח ות"ט ווען גאנצע קהילות אין אוקריינע און אין פוילן זענען פארשניטן געווארן, האט דער ש"ך מחבר געווען דער קונטרס מגילת עפה וואס דאס איז קינות און סליחות אויף די פרעות פון יענע יארן.

בשנת תט"ו האט דער רוסישער מיליטער זיך מצרף געווען אינאיינעם מיט די קאזאקן, און לוחם געווען קעגן די פוילשע מלוכה, און אינוואדירט חלקים פון פוילן צווישען זיי אויך ווילנא. דער ש"ך איז דאן אנטלאפען פון שטאט און אין די קומענדיגע פאר יאר האט דער ש"ך געוואנדערט פון שטאט צו שטאט, צווישן אנדערע איז דער ש"ך געווען אין לובלין, פראג, דרעזניץ ווי ער האט פאר א קורצע תקופה געדינט אלס רב. אין חודש אב שנת ת"כ האט דער ש"ך דערגרייכט העלישוי [אין מורביה, טשכיי] וואו ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב. ווי ער האט געדינט ביז זיין הסתלקות ביום א' לחודש אדר שנת תכ"ב, אין יונגען עלטער פון בלויז איין און פערציג יאר. ומנו"כ אין העלישוי. (על מצבתו שנתחדש בשנת תשי"ח נחרת שנסתלק ביום א' לחודש אדר א' שנת תכ"ג, אבל כותבי הדורות כותבים שנסתלק ביום א' אדר או ביום ל' שבט שנת תכ"ב).

דער ש"ך האט אין זיין קורצן לעבן אנגעיאגט צו שרייבן פילע ספרים, דער חיד"א אין מעגל טוב שרייבט אז דער ש"ך האט געוואוסט די "שם המציאה" וואס דאס איז א שם מכוון צו זיין ווען מען זוכט עפעס און מען טרעפט תיכף ומיד די מראה מקומות אין די ספרים וואס זענען עוסק אין דעם ענין וואס מען לערנט יעצט. נאך שרייבט דער חיד"א אז דער ש"ך האט געוואוסט א שם הקולמוס און האט באשוואוירן די קולמוס [פעדער], און דער ש"ך האט גערעדט און די פעדער האט אליין געשריבן. ער האט מחבר געווען די ספרים שפתי כהן [-ש"ך] על שו"ע יו"ד וחו"מ. סליחות וקינות על הגזירות של ת"ח ות"ט. נקודת הכסף וקונטרס אחרון, וואס דאס האט דער ש"ך געשריבן נאך דעם וואס דער טו"ז האט ארויסגעגעבן זיין חיבור, און ער פארענטפערט דארט אלע השגות וואס דער טו"ז פרעגט אויף אים. תוקפו כהן. גבורת אנשים, איבער דאס שטארקייט פון מענער איבער זייערע פרויען. פועל צדק על תרי"ג מצוות. ארוך מש"ך על הבית יוסף.

## ב' אדר ב'

### הגאון רבי יוסף מרדכי כהנא זצ"ל דומ"ץ סיגוט

געבוירן צו זיין פאטער הגאון רבי יהודה זצ"ל אב"ד סיגוט בעל קונטרס הספיקות. ער איז געווען אן איידעם ביי הגביר רבי בנימין מדילאטין זצ"ל נאך די פטירה פון זיין פאטער האט מען

אים אויף גענומען אלס דומ"ץ אין שטאט סיגוט. ער איז געווען א גאון מופלג און חסיד מפורסם ער איז געזעצן רוב טאג אנגעטאן מיט טלית און תפילין און עוסק געווען בתורה און עבודת ה'. ער האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מקאסוב זצ"ל זייענדיג אמאל אין קאסוב איז ער דארט נסתלק געווארן ביום ב' אדר שנת תקצ"ד. ומנו"כ אין קאסוב. (ראה בספר בספר מצבת קודש סיגוט).

## הגאון רבי יעקב יחזקי' גרינוואלד זצ"ל
## אב"ד קהל עדת ישראל בפאפא
## בעל ויגד יעקב

געבוירן צו זיין פאטער הגאון רבי משה זצ"ל אב"ד חוסט בעל ערוגת הבושם און צו זיין מוטער בת רבי אברהם געשטעטנער זצ"ל. ער איז נתגדל געווארן על ברכי אביו הגדול פון וועמען ער איז געווען א תלמיד מובהק מקבל זייענדיג פון אים כל תורתו. שוין אלס קינד האט מען דערקענט אויף אים אז לגדולות נוצר, ער וועט אויסוואקסן איינער פון די גדולי הדור, וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה און קדושה.

פון ווען ער איז אלט געווען זיבן יאר האט אים שוין זיין פאטער מיט גענומען ווען ער פלעגט פארן זיך מסתופף זיין בצ"ק פון די צדיקי הדור, און ער איז נאך געפארן אינאיינעם מיט זיין טאטע'ן קיין שינאווא זיך מסתופף זיין בצ"ק פון הייליגער שינאווא'ער רב זצ"ל. און א גאנץ לעבן איז ער געבליבן מקושר צו צדיקי דורו גדולי החסידות און ער איז געפארן זיך מסתופף זיין בצ"ק פון הרה"ק מבעלזא זצ"ל. פון וועם ער האט גענאסן א ספּעציעלע חשיבות. און דערנאך איז ער געפארן צו בנו הרה"ק רבי אהרן זצ"ל, און צו נאך פילע צדיקי הדור.

ער האט חתונה געהאט מיט מרת שרה רבקה ע"ה טאכטער פון הגאון רבי ישראל מנחם ברוין זצ"ל אב"ד בערעזאוויץ. נאך די חתונה איז ער געזעצן פאר עטליכע יאר סמוך לשלחן חותנו אין בערזדאוויץ. בשנת תרס"ה איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט ליקוב.

שפעטער האט ער משמש געווען ברבנות אין די שטעט, צעהלים, באנפי הוניאד. בשנת תרפ"ט איז ער אויפגענומען געווארן אלס אב"ד דקהל עדת ישראל אין די שטאט פאפא. אין אלע מקומות ווי ער האט משמש געווען ברבנות האט ער פארמאגט א ישיבה און מרביץ תורה געווען פאר תלמידים.

אנקומעדיג קיין פאפא האט זיין השפעה דערגרייכט אין די גאנצע געגנט ארום, יודען פון אלע שיכטן און קרייזן, אשכנזים מיט חסידים זענען געקומען פון די נאנט און די ווייט צו אים זיך אויסצוגיסן דאס הארץ מיט פארשידענע בקשות.

דער פאפא רב איז געשטאנען אויף די וואך און געווען א גודר גדר ועומד בפרץ מעמיד צו זיין הדת על תלה, ער האט געלייגט א גרויסן דגוש און שטענדיג געווארענט נישט מיט געריסן צו ווערן מיטן שטראם פון בייזע ווינטן וואס האבן געבושעוועט אין יענע צייט אין אייראפע, און נישט געלאזט זיך אנשליסן און די פארשידענע ציוניסטישע פארטייען און באוועגונגען וואס איז געווען געצילט אויף עקירת הדת. און האט געהאלטן אז בלויז אנהאלטן וואס מען האט מקבל געווען פון די פריעדיגע דאס וועט ראטעווען אידישקייט, און נישט די אויפשטייג פון ניי ארגענזאציעס ווי אגודות ישראל און די מזרחי.

בסוף ימיו ווען די צרות האבן זיך שוין אנגעהויבן, ווען מען איז געקומען פרעגן דעם פאפא רב אויב מען זאל אוועקפארן קיין ארץ ישראל, האט ער נישט געלאזט פארן זאגענדיג אז דארט איז דא א רוחניות'דיגע סכנה וואס איז פיל מער ווי בלויז א גשמיות'דיגע סכנה וואס האט דאן געהערשט אין אייראפע. אזוי אויך האט דער פאפא רב זיך מתנגד געווען קעגן די שפראך עברית זעהנ'דיג אין דעם א חילול השם.

דער פאפא ישיבה איז געווען צוזאם געשטעלט פון א קאמבנאציע פון לימוד התורה און חסידות, ווען פון איין זייט האט דער פאפא רב מרביץ תורה געווען מיט א שטארקייט אזוי ווי עס איז געווען אנגעפירט אין די אונגארישע ישיבות עפ"י דרך פון מרן החתם סופר זצ"ל ותלמידיו, און פון די אנדערע זייט האט ער משפיע געווען די דרך החסידות פאר די תלמידים און אריין געלייגט אסאך כוחות און עבודת התפילה, ער פלעגט אפרעכטן דאס דאווענען מיט א פלאם-פייער און געקאכט און א שבת זינגענדיג ניגונים לאנגע שעות מתוך דביקות און התעלות הנפש. דער פאפא רב האט מדריך געווען זיינע תלמידים בקדושה וטהרה מיט זעלבן גייסט ווי ער האט מקבל געווען פון גרויסן טאטע'ן דער ערוגת הבושם און האט משפיע געווען פאר זיי דעם דרך החסידות וואס ער האט מקבל געווען ביי די צדיקים וואס ער האט זיך ביי זיי מסתופף געווען.

ווען דער פאפא רב פלעגט פארן זיך מסתופף זיין בצ"ק פון די צדיקי הדור פלעגט ער פארן אליין אן קיין גבאים און אפילו דער בילעט ארויף צו גייען אויפן באן האט ער געקויפט אליין זאגענדיג דערביי "יעצט בין איך א חסיד נישט א רבי".

אין די פאפא ישיבה זענען געווען תקנות ווי פאלגנד א) יעדע בחור דארף זיך טובל'ן אין מקוה אדייערן דאווענען. ב) ביים דאווענען דארף מען גייען אנגעטאן מיט א גארטל אויף די לענדען, און מיט א הוט אויפן קאפ. ג) עס איז אסור זיך אפצושערן די בארד און פיאות. ד) די גאנצע צייט דארף זיין מקודש צו לערנען און מען טאר נישט ליינען קיין צייטונגען.

דער פאפא רב האט אמאל געזאגט אז אויב תקיעת שופר קען מען יוצא זיין בלויז מיטן שמועה, איז זיכער אז די נייעס איז

געווען בלויז צו הערן פון א צווייטן, און עס פעלט נישט אויס צו ליינען קיין צייטונגען.

דער פאפא רב איז נסתלק געווארן ביום ב' אדר שנת תש"א, ומנו"כ אין פאפא. מח"ס ויגד יעקב עה"ת ומועודים, ושו"ת משפטך ליעקב. (תשואת חן להרב שמואל מאיר ניישלאס שליט"א ממכון גנזי אור פאפא).

## ג' אדר ב'

### הגאון רבי נח חיים צבי בערלין זצ"ל אב"ד אה"ו

געבוירן שנת תצ"ד אין שטאט פיורדא - דייטשלאנד, צו זיין פאטער הגאון רבי מאיר בערלין זצ"ל. יונגערהייט האט ער שוין גע'שמ'ט אלס עילוי מופלג, ער האט חתונה געהאט מיט מרת עלא ע"ה טאכטער פון רבי אלי' דוב שוואבאך ז"ל. בשנת תקכ"ה איז ער נתקבל געווארן אלס דיין אין שטאט פיורדא, שפעטער האט ער משמש געווען ברבנות און די שטאט ברייט, דערנאך איז ער געווען רב אין שטאט פייערשטדארף, און דערנאך אין שטאט מאגענצא, אין מאגענצא האט ער פארמאגט א ישיבה און מרביץ תורה געווען פאר תלמידים.

בשנת תק"ס איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין די שטעט אה"ו [די דריי קהילות אלטנא האמבורג וואנזבעק], ווערנדיג מפורסם אלס גאון אדיר, חכם הרזים, צדיק וחסיד, און מאורא'דיגער בעל דרשן און אדם השלם. ער איז נסתלק געווארן ביום ג' אדר ב' שנת תקס"ב ומנו"כ אין אלטונא. מח"ס עצי אלמונים, עצי ארזים, מעין החכמה. (ראה בספר אוה למשוב דף 74-77)

### הגאון רבי צבי הירש כהן ראפאפארט זצ"ל מדובנא

געבוירן צו זיין פאטער הגאון רבי נפתלי הירץ כהן ראפפורט זצ"ל מלבוב. ער איז געווען אן איידעם פון רבי צדוק מארשאלקאוויץ ז"ל. רבי צבי הירש איז געווען א אדם השלום מיט אלע מעלות, זייענדיג א גרויסע תלמיד חכם און גאון מופלג און געווען א חכם גדול בחכמת ובלשונות מעדים, און האט זוכה געווען צו שתי שלחנות תורה וגדולה במקום אחד. טראץ זיין גרויסע עשירות האט ער זיך נישט אפגעלאזט פון די תורה און האט מרביץ תורה געווען אין די ישיבה פון דובנא רבתי.

רבי נפתלי הירש האט זיך געפירט צו עסן חולין על טהרת הקדוש, און אלע מלבושם מיט וואס ער האט זיך אנגעקליידעט איז נאר געקומען פון געלט פון פדיון בכורים. זיין שטוב איז געווען אפן לרווחה לכל עובר ואורח. ער איז נסתלק געווארן יונגערהייט ביום ג' אדר שנת תרכ"ו. ומנו"כ אין דובנא. מח"ס עזרת כהנים, ותוספת העזרה על הספרא (ראה בספר עיר דובנא ורבינה).

## ד' אדר ב'

### רב אחאי בר רב הונא

געווען פון די ערשטע דור רבנן סבוראי, אבער ווערט נאך דערמאנט אין די גמרא (ודעת ר"ת בתוס' כתובות דף ב' ע"ב שאכן היה אמורא אבל דעת רוב ראשונים הוא שהיה מהדור הראשון מרבנן סבוראי), רב אחאי איז געווען א תלמיד פון די לעצטע אמוראים ווי רב תוספאה, און רבינא (ראה תולדותיו ביומא בהילולא גליון ז'), אין די גמרא אין מס' חולין (דף נ"ט ע"ב) זעהן מיר די גרויסקייט פון רבי אחאי אז די חכמי ארץ ישראל האבן געשיקט קיין בבל "הזהרו ברב אחאי שמאיר עיני הגולה הוא". ער איז נסתלק געווארן ביום ד' אדר שנת תתי"ז למנין השטרות [- ד' אלפים רס"ד לבריאת העולם]. (ראה באיגרת רב שרירא גאון ממכון מישור)

### הגה"ק רבי חיים יוסף גא-טליעב זצ"ל אבדק"ק סטראפקוב

געבוירן בערך שנת תק"נ אין שטאט טערצאל, אונגארן צו זיין פאטער הנגיד רבי יודא ארי' ז"ל. ווען ער איז נאך געווען א יונג קינד האבן זיינע עלטערן זיך באזעצט אין קראלי, זיין פאטער רבי יודא ארי' איז געווען א גרויסע עושר. אלס יונג קינד האט ער -ווי אלע רייכע קינדער בימים ההם- געלערנט אין א נישט אידישע שולע לימודי חול, אבער דאס האט זיך אפגעשטעלט ווען ער איז איינמאל געווען ממש מסוכן, דעמאלטס בשעת סכנה האט רבי חיים יוסף געמאכט א נדר פאר רבונו של עולם, אז אויב ווערט ער געזונט, וועט ער ווידמען זיין גאנץ לעבן בלויז פאר תורה, זיין תפילה איז אנגענומען געווארן און ס'האט פאסירט א נס אז ער איז ארויס פון די סכנה, און ער האט טאקע תיכף אויפגעהערט לערנען לימודי חול און זיך גענצליך אריינגעווארפן אין לימוד התורה מיט א מורא'דיגן פלייס, און זיינע מלמדים האבן נישט געקענט גענוג אפוואונדערן פון זיין קלארן שכל און גרויס התמדה.

די ערשטע רבי'ס פון רבי חיים יוסף זענען געווען הגאון רבי משה ארי' עסטרייכער זצ"ל אב"ד קראלי, און הגאון רבי יקותיאל וואלף זצ"ל בעל עמק המלך על הרמב"ם, וואס ביידע פון זיי האבן פארמאגט אין יענע תקופה ישיבות אין קראלי. דערנאך איז ער געפארן לערנען אין די באקאנטע פרעשבורגע

ישיבה ביי מרן החתם סופר זצ"ל, וואו ער האט זיך געציילט צווישן די גרויסע תלמידים און געווען פון די אריות שבחבורה, און ער איז געבליבן מקושר צו זיין רבי'ן א גאנץ לעבן.

בשנת תקע"ג האט ער חתונה געהאט מיט מרת בריינדל ע"ה טאכטער פון הנגיד רבי מאיר ליכטשיין זצ"ל פון די שטאט טערצאל, און ער איז געבליבן וואוינען עטליכע יאר נעבן זיין שווער, און איז געווארן מפורסם אלס גדול בתורה וצדיק נשגב. אין יענע תקופה האט ער אסאך עוסק געווען בנגלות ובנסתר וסודות התורה אינאיינעם מיט זיין שוואגער [זיין שווער'ס איידעם] החסיד המרומם רבי מרדכי צימענט זצ"ל מחסידי ראפשיץ וצאנז. [נאך די פטירה פון זיין רעביצין האט דער סטראפקוב'ער רב רבי חיים יוסף, חתונה געהאט מיט איר שוועסטער מרת ויטל ע"ה, אלמנת רבי מרדכי צימענט זצ"ל]. אין טערצאל איז דאן געווען רב הגה"ק רבי יחזקאל פאנעט זצ"ל בעל מראה יחזקאל, וואס האט אים ארויסגעוויזן א גרויס חביבות, אזש ער האט אים גערופן "מיין יונגערמאן". ער האט אים פארבעטן צו לערנען מיט תלמידים פון זיין ישיבה. בשנת תקפ"ג ווען דער מראה יחזקאל איז געווארן רב אין קארלסבורג, איז רבי חיים יוסף אויפגענומען געווארן אלס דומ"ץ אין שטאט, און נאך א שטיקצייט אויך אלס רב, פאר די קומענדיגע אכצן יאר איז ער געזעצן אויפן רבנות שטיל אין טערצאל, וואו ער האט דארט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים, און מתקן געווען אסאך תקנות, ובפרט אין עניני הכשרות פון וויינען וואס איז געווען די מקור הפרנסה פאר אסאך אידן אין טערצאל.

בשנת תר"א איז ליידיג געווארן די כסא הרבנות פון שטאט סטראפקוב, דערנאך וואס דער דעמלאס'דיגער רב הרה"ק בעל ייטב לב זצ"ל איז אויפגענומען געווארן ממלא מקום צו זיין דאס פלאץ פון זקינו הרה"ק בעל ישמח משה זצ"ל אין די שטאט אוהעל, דעמאלטס איז רבי חיים יוסף בפקודת הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זצ"ל געווארן רב אין סטראפקוב. אין סטראפקוב איז ער געזעצן האבנדיג דער כתר הרבנות פאר איבער א האלבע יובל יארן, און אויף דעם ווערט ער גערופן "דער סטראפקוב'ער רב". בזמנו איז דער שטאט געווארן אלס תל תלפיות, פאר חסידים ואנשי מעשה וואס האבן משכים געווען לפתחו, פונעם סטראפקובער רב לעצה ולברכה, וואו ער האט געפירט זיין נשיאות מיט א שטארקייט, און געשטאנען על המשמר.

דער סטראפקוב'ער רב איז שוין יונגערהייט -נאך אלס בחור וואוינענדיג אין קראלי- נשפע געווארן פונעם אור החסידות, וואס האט דעמאלטס אנגעהויבן שלאגן דארט ווארצלען, כידוע אז הרה"ק מבארדיטשוב זצ"ל און זיין תלמיד הרה"ק רבי אהרן מזוטאמיר זצ"ל האבן באזוכט אין קראלי. דער ערשטער פון די תלמידי הבעש"ט מיט וועמען ער איז געווען מקושר מיט אלע פעדימער פון זיין נשמה איז געווען הרה"ק רבי יצחק אייזיק'ל קאלוב'ער זצ"ל וואס האט אים ארויסגעוויזן א גרויס חביבות, ער האט אנגעהאלטן דאס התקשרות צום קאלוב'ער אויך נאך זיין פטירה, ביי יעדן שווערן פארצווייגטן ענין איז ער געפארן קיין קאלוב זיך משתטח צו זיין אויף זיין ציון הק', כאילו דער צדיק איז בחיים חיותו, וגדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם.

שפעטער איז ער -דורך די השפעה פונעם מראה יחזקאל- נתקרב געווארן צו הרה"ק רבי מענדעלע מרימינוב זצ"ל, איינמאל האט אים איינער פון די בעל בתים פון זיין קהילה נישט געוואלט פאלגן, האט ער יענעם געלאזט רופן און אים שארף אנגעווארנט "זאלסטו וויסן אז דער היילגער רבי ר' אלימלך זצ"ל האט פאר זיין הסתלקות סומך געווען זיינע גרויסע תלמידים, און אויף מיין רבי'ן הרה"ק מרימינוב האט ער מאציל געווען זיין נשמה שבמזות, כידוע, און ווען איך בין געפארן צום רבין ר' מענדעלע האט ער אויף מיר משפיע געווען פון זיין נשמה, דעריבער הזהר והשמר!! זאלסט דיך נישט אפבריען ח"ו!". נאכן הסתלקות פון די קאלובער איז ער אינאיינעם מיט חברים חסידים מפורסמים געפארן צום הרה"ק בעל זרע קודש מראפשיץ זצ"ל, און צו זיין איידעם הרה"ק רבי אשר'ל ראפשיצער זצ"ל.

שפעטער איז ער געפארן צו מרן הרה"ק מצאנז זצ"ל, ווי ער איז פארעכנט געווארן צווישן די געהויבענע חסידים, און גענאסן א ספעציעלע קירבות אין צאנז. דער דברי חיים פלעגט אים הייבן העכער די גרויסע צדיקים, שרי התורה והחסידות וואס זענען געווען אין צאנז, און ער פלעגט אים רופן בלשון חיבה "דער אונגארישער חכם". דער סטראפקוב'ער רב האט געהאט א זיסע שטימע וואס איז אויך געווען קול חוצב להבות אש וואס האט יעדן אויפגעטרייסלט מיט א חרדת קודש אזוי אז עס האט געשפאלטן הימלען, דער צאנזער רב האט זייער הנאה געהאט פונעם סטראפקוב'ער רב'ס דאווענען, כידוע האבן אין צאנז נאר דריי גדולים וצדיקים געקענט דאווענען יום טוב פארן עמוד און זאגן הלל, דער סטראפקוב'ער רב, דער מונקאטשער רב הגה"ק בעל שם שלמה זצ"ל, און דער בערגסאזער רב הגה"ק בעל קול ארי' זצ"ל. אמאל האט אים דער צאנזער רב געזאגט בלשון חיבה "דו הייסט חיים ווי מיין נאמען, און דיין טאטע הייסט ארי' לייבוש ווי מיין טאטענ'ס נאמען, נאר דו ביסט מער ווי מיר וואס דו הייסט יוסף".

ווען דער צאנזער רב איז אמאל געווען אויף א שבת אין שטאט סטראפקוב, מיט זיינע קינדער און אייניקלעך און נאך פילע צדיקים פון אונגארן און פוילן, האט ער פרייטאג צונאכטס זיך זייער פארקילט און נישט געקענט ארויסרעדן א ווארט פון מויל, און מען האט אים שבת צופרי געפרעגט ווער עס וועט היינט פירן טיש, האט דער צאנזער רב געוויזן אויף די בארד, און געזאגט "דער מיטן לאנגן בארד" [דער סטראפקוב'ער רב האט

געהאט זייער א לאנגן בארד]. עס האט אמאל פאסירט אז די גארטל פון דער סטראפקוב'ער רב איז אראפגעפאלן, ווען דער צאנזער רב האט דאס באמערקט האט ער זיך אראפגעבויגן און אליין אנגעגארטלט דעם סטראפקוב'ער רב זאגנדיג "איך בין יעצט מקיים גלילת ספר תורה".

דער סטראפקוב'ער רב איז אמאל געפארן קיין צאנז, אנקומענדיג אין צאנז איז דארט אויך געווען אנוועזנד הרה"ק רבי אליעזר'ל דזשיקובער זצ"ל, דער צאנזער רב האט זיך דאן אנגערופן "מחותן מיר האבן דא חשובע געסט צווישען זיי אויך רבי'ס" האט רבי אליעזר געפרעגט ווער איז דא, האט דער צאנזער רב געענטפערט "דער סטראפקוב'ער רב, א רבי איז ער, און א רבי וועט מען אים רופן". אויפן וועג אהיים האט דער סטראפקוב'ער רב געזאגט פאר זיינע באגלייטער, אז ער האט מקובל פון הרה"ק רבי הערשע'לע זידיטשוב'ער זצ"ל אז אויב פארט מען צו א רבי וואס איז נישט מוסמך ביז אליהו הנביא, איז מען אין כלל פון לא תעשה לך פסל ומסכה ח"ו און ער האט אויסגעפירט "יעצט בין איך שוין א מוסמך פון צאנזער רב, וואס איז מוסמך פון זיינע רבי'ס פון ראפשיץ און לובלין, און הרה"ק דער רבי פון לובלין זצ"ל איז געווען מוסמך פון רבי'ן רבי אלימלך מליזענסק זצ"ל, וואס האט געהאט סמיכה פון רבי'ן רבי בער דער מעזריטש'ער מגיד זצ"ל, וואס האט מקבל געווען פונעם בעש"ט הק', וואס האט געהאט סמיכה פון אחיה השילוני, און אחיה פון אליהו הנביא זכור לטוב, יעצט קען מען שוין צו מיר קומען אן קיין שום חשש פון לא תעשה לך...."

דער סטראפקוב'ער רב איז געווען א געוואלדיגע הצנע לכת באהאלטענדיג זיינע גרויסע מדריגות, יונגערהייט האט ער זיך פורש געווען מכל תענוגי עולם הזה, און זיך מזדכך געווען בקדושה של מעלה ברמ"ח אבריו ושס"ה גידיו. פאר צוויי און צוואנציג יאר האט ער געפאסט משבת לשבת, אויף די תעניתים האט ער געזאגט "דאס האט מיר דערהאלטן אויף דער עלטער. עס איז אויך באוואוסט אז דער סטראפקוב'ער רב האט זוכה צו די גרויסע מדריגה פון גילוי אליהו, ובפרט אין די סדר נעכט. (ראה בספר אלף כתב להגאון רבי יצחק ווייס זצ"ל הי"ד ראב"ד ווערבוי וז"ל "והנה הי' דבר ידוע ונודע לרבים שלהגה"ק נתגלה אליהו ז"ל בלילי שימורים" עיי"ש מעשה פלא שאירא באחת מן השנים).

ווי אויך איז דער סטראפקוב'ער רב געווען מפורסם אלס בעל מופת ופועל ישועות בקרב הארץ, הרה"ק רבי דוד'ל טאלנער זצ"ל האט אמאל געשיקט קיין סטראפקוב א מיידל מיט א דיבוק אז ער זאל פועל'ן פאר איר א ישועה. עס איז מקובל ביי די אייניקלעך פונעם סטראפקוב'ער רב, מזכיר צו זיין בעת צרה דער נאמען רבינו חיים יוסף בן ארי' און דאס איז א סגולה געראטעוועט צו ווערן פון שלעכטס.

דער סטראפקוב'ער רב איז געווען א גרויסער אוהב ספרים, און מיט יעדן איבריגער פיאסטער וואס ער האט פארמאגט האט ער געקויפט נאך ספרים, און ער האט אנגעזאמלט א ריזיגער אוצר פון טויזנטער ספרים.

דער סטראפקובער רב איז א גאנץ לעבן געווען דבוק אין צדיקי אמת און איז געווען בידידות מיט די גדולי המדינה בדורו ווי מיטן חוסט'ער רב הגאון המהר"מ שיק זצ"ל, מיטן אנגוואר'ער רב הגאון המהר"מ א"ש זצ"ל, און מיט הגאון רבי הלל מקאלמייא זצ"ל, ווי אויך איז ער געווען שטארק בידידות מיט אינטערדאמ'ער רב הגאון רבי מרדכי יודא לעוו זצ"ל (ראה אודותיו ביומא בהילולא גליון ט"ז, וראה שם מה שספרנו שהוא השפיע על הרב מאינטערדאם לנסוע לצאנז).

דער סטראפקוב'ער רב'ס השפעה האט דערגרייכט צו אלע שטעט ארום, איבעראל איז מען געווען סרים למשמעתו, און האט אויפגעטאן גדולות ונצורות מחזק צו זיין דאס יהדות אינעם גאנצן גליל. מיט א שטארקע פעסטקייט איז דער סטראפקוב'ער רב געשטאנען בראש המערכה קעגן די משכילי'שע ווינטן וואס האבן דעמאלטס געבושעוועט אין אייראפא. ער האט זיך אריינגעווארפן מיט א פייער און ברען צו קעמפן קעגן די פושעים און אפיקורסים, זייענדיג ממשיך די דרך ההתבדלות פון די פושעים, וואס ער האט מקבל געווען פון זיין רבין דער חתם סופר. א יאר איידער זיין פטירה בשנת תרכ"ו איז פארגעקומען די גרויסע אסיפה פון גדולי אונגארן אין מיהאלאוויץ, וואו מען האט דארט ארויפגעשטעלט די יסודות פארן היסטארישן טיילונג אין אונגארן, וואו די ארטאדאקסישע אידן החרדים לדבר ה' האבן זיך אינגאנצן אפגעטיילט פון די מתחדשים, די נעאלאגן, און אויפגעשטעלט באזונדערע קהילות אין אונגארן. דער סטראפקוב'ער רב איז שוין דאן געווען א זקן מופלג, און געווען זייער שוואך און געליטן גרויסע יסורים ל"ע, פונדעסטוועגן האט ער זיך אנגעשטרענגט מיט די לעצטע כוחות צו פארן צו די אסיפה, לבוא לעזרת ה' בגיבורים, און לאזן הערן זיין שטימע קעגן די מהרסי הדת. זיין חתימה אויפן פסק דין אין טאקע בראש החותמים.

דער סטראפקוב'ער רב איז נסתלק געווארן ביום ד' אדר ב' שנת תרכ"ז ומנו"כ אינעם דערפל טיסמעניץ וואס געפונט זיך נעבן די שטאט סטראפקוב. ער האט מחבר געווען דעם חיבור טיב גיטין וקדושין, וואס ענטהאלט אין זיך חידושים אויף עטליכע מסכת הש"ס, און א קליין טייל פון די טויזנטער תשובות להלכה וואס ער האט געשריבן, און עס איז לייעדר פארלוירן געגאנגען. דער סטראפקוב'ער רב האט אויך עוסק געווען בחכמת הקבלה ורזי התורה, נאך זיין פטירה האט מען געפונען אסאך כתבים אין סתרי תורה, נאר וויבאלד עס איז געווען שווער איר מעתיק צו זיין האט מען עס קיינמאל נישט געדרוקט, וחבל על דאבדין. (ראה בקונטרס מקור חיים)

## ה' אדר ב'

### הגאון רבי שמואל זיינוויל אויערבאך אשכנזי זצ"ל מלבוב

געבוירן צו זיין פאטער רבי יהודה ז"ל. ער האט מרביץ תורה געווען אין די שטאט ווילנא און לבוב, און אויך משמש געווען אלס דיין אין שטאט לבוב. ער איז געווען פון די גדולי הדור, גאון עצום ומובהק, שר התורה כמלאך ה' צבאות. אויף זיין מציבה איז נחרת "גמיר ומסיק שמעתתא אלבא דהלכתא, סיני ועוקר הרים, והיה מגדולי המורים", ער איז געווען דער שווער פון הגאון בעל חלקת מחוקק זצ"ל. ער איז נסתלק געווארן ביום ה' אדר שנת תי"א. ומנו"כ אין לבוב. (ראה בספר אנשי שם לבוב דף 209)

### הרה"ק רבי משה הלברשטאם זצ"ל מקשאנוב

געבוירן צו זיין פאטער הרה"ק רבי דוד'ל קשאנובער זצ"ל בן מרן הרה"ק מצאנז זצ"ל און צו זיין מוטער לאה זיסל ע"ה. ער איז נאך נתגדל געווארן בצ"ק פון זיין זיידן דער הייליגער צאנזער רב, ער האט חתונה געהאט מיט מרת מושקט ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי ישראל אלימלך מזאבנא זצ"ל, בן הרה"ק רבי יוסף מדאמבראווא זצ"ל [בן הרה"ק רבי מרדכי דוד'ל דאמבראווא'ער חתן הרה"ק רבי אלעזר בן הרבי רבי אלימלך מליזענסק זצ"ל], חתן הרה"ק רבי משה'לע קאזניצער זצ"ל בן הרה"ק רבי ישראל המגיד מקאזניץ זצ"ל, הרה"ק רבי אלימלך זאבנער איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי יחיאל מקארניץ זצ"ל בן הרה"ק רבי שמואל ריישער זצ"ל חתן הרה"ק דער רבי פון לובלין זצ"ל. בזיוו"ש האט רבי משה חתונה געהאט מיט מרת שרה שיינא ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי מרדכי שניאור זלמן שניאורסאהן זצ"ל אבד"ק זיטאמיר בן הרה"ק רבי יוסף יצחק מאווריטש זצ"ל בן הרה"ק בעל צמח צדק מליובאוויטש זצ"ל [נכד הרה"ק בעל התניא זצ"ל] וחתן הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקס זצ"ל [בן הרה"ק רבי מרדכי המגיד מטשערנאביל זצ"ל]

רבי משה איז געווען א גאון וקדוש בוצ"ק חו"פ, און געווען א גרויסער עושר און זוכה געווען צו שתי שלחנות תורה וגדולה במקום אחד. ער איז נסתלק געווארו ביום ה' אדר שנת תרע"ה ומנו"כ אין קשאנוב. (ראה בספר שמחת עולם)


זכות פרנס הגליון
נתנדב ע"י
הרה"צ בנש"ק ר' צבי אלימלך הלברשטאם שליט"א
חבר המערכת "יומא בהילולא"
בן הגה"צ אבדק"ק סאטמאר לאנדאן שליט"א
חתן כ"ק הגה"צ גאב"ד פאלטישאן שליט"א
וחתן הרה"ג רבי יואל פאללאק שליט"א דומ"ץ תולדות אהרן ומו"ץ בקיט"ל לאנדאן
בן הגה"צ אבדק"ק נאנאש שליט"א חתן הרה"צ רבי בעריש מייזליש שליט"א מווייטצען לאנדאן
לע"נ זקינו הרה"ק רבי משה בן הרה"ק רבי דוד זצ"ל מקשאנוב
נלב"ע ה' אדר שנת תרע"ה
ולע"נ זקינו הגאון רבי יוסף מרדכי הכהן בן הגאון רבי יהודה כהנא זצ"ל
דומ"ץ סיגוט נלב"ע ב' אדר שנת תקצ"ד



ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com



בס"ד
א 2 בעדרום הויז
אין געגנט פון
מאנטשעסטער
אין ווערד פון:
£160,000
עס איז דא א מארטגעדזש אויפן הויז
די יערליכע
הכנסה פון
די רענט
איז ארום:
£12,000
הרחבת הדעת
אן אינוועסטמענט אין ווערד פון
£160,000
אט אָט..
קען די הויז
זיין דיין
אייגנטום..
א זעלטענע
געלעגנהייט פאר
א קביעות'דיגע
הרחבה בס"ד
בלויז איין וואך צו גיין...
זעלטענע חידושדיגע
הרחבה גורל
א פראפערטי 'אינוועסטמענט'
א 2 בעדרום הויז אין ווערד פון £160,000
£100
1 מאל אין גורל
£180
3 מאל אין גורל
£250
5 מאל אין גורל
גורל וועט פארקומען בע"ה חודש אדר ב' הבעל"ט
רופט יעצט:
020.4538.0500
אדער ביי די עסקנים אין די בתי מדרשים
ראפעל ספאנסער'ס
Decove Flooring
SDLT
MASBIA
QUEENS STATIONERY
Joseph's SILVER